בס"ד

דער בליעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

לך-לך

ח' חשון תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:08 |
| מוצש"ק | 5:22 |
| ר"ת | 6:01 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 7:56 | סוז"ת א' | 9:05 |
| סוזק"ש ב' | 8:40 | סוז"ת ב' | 9:34 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס':

ק"ח

שנה ג'

## טיב המערכת

# כִּי שָׁמַע ד' אֶל עָנְיֵךְ

עס ווערט דערציילט אויף הרה"ק רבי לוי יצחק בארדיטשובער זצוק"ל, אז איינמאל איז ער געפארן צום הויז פון איינער פון זיינע חסידים וועלכער איז געווען א ביטערער ארימאן, און ער איז דארט געבליבן פאר עטליכע טעג. אין אט די טעג האט דער חסיד זייער שטארק פראבירט מכבד צו זיין דעם רבי'ן מיט עסן און טרינקען פיל מער ווי זיין מאגערע צושטאנד, און דערנאך ווען דער צדיק איז אוועקגעגאנגען פון זיין הויז, איז דארט גארנישט געבליבן קיין עסן צו פיטערן זיינע קליינע קינדער וועלכע האבן געהונגערט נאך א שטיקל ברויט.

האט דער חסיד אויפגעהויבן זיינע אויגן צום אויבערשטן, און מתפלל געווען פון די טיפעניש פון זיין הארץ אז דער אויבערשטער זאל אים שיקן עסן כדי ער זאל קענען פיטערן זיינע קינדערלעך, און גלייך דערנאך איז ער געווען זייער רייך אויף א וואונדערליכן אופן, און איז געווארן זייער א גרויסער עושר. ווען ער איז אנגעקומען צו זיין רבי אין בארדיטשוב זייענדיג שוין א גרויסער עושר, האט אים דער הייליגער בארדיטשובער געזאגט, אז אין אמת'ן איז נגזר געווארן אויף אים אין הימל אז ער זאל ווערן אן עושר, ער האט אבער נישט געקענט באקומען די שפע וויבאלד ער האט נאכנישט מתפלל געווען דערויף, און דעריבער איז ער געקומען צו זיין הויז כדי אים צו צוברענגען אז ער זאל דאווענען און בעטן דעם אויבערשטן און אזוי וועט ער זוכה זיין צו די שפע וואס איז אנגעגרייט פאר אים.

דער מלאך פונעם אויבערשטן זאגט צו הגר 'הִנָּךְ הָרָה וְיֹלַדְתְּ בֵּן וְקָרָאת שְׁמוֹ יִשְׁמָעֵאל כִּי שָׁמַע ד' אֶל עָנְיֵךְ', און דער תרגום אונקלוס טייטשט 'אֲרֵי קַבִּיל ד' צְלוֹתִךְ', דאס מיינט אז דיין תפילה איז אנגענומען געווארן. פון דעם זעען מיר ווי גרויס איז דער כח התפילה, ווייל כאטש הגר איז געווען א גוי'אישע דינסט, פונדעסטוועגן ווען זי האט געדאווענט צום אויבערשטן איז איר תפילה געווארן אנגענומען, און כאטש דער מלאך האט געזאגט צו איר 'שׁוּבִי אֶל גְּבִרְתֵּךְ וְהִתְעַנִּי תַּחַת יָדֶיהָ', וואלט זי נאך אלץ נישט זוכה געווען צו די ברכה פונעם מלאך, נאר נאכדעם וואס זי האט מתפלל געווען, האט זי זוכה געווען אז דער אויבערשטער האט געהערט איר תפילה און זי איז געבענטשט געווארן.

דער הייליגער רמב"ן זאגט אין ספר המצוות, אז ווען א מענטש געפינט זיך אין א צרה, ליגט אויף אים א חיוב מן התורה צו מתפלל זיין אז די צרה זאל בטל ווערן. דאס איז ריכטיג אנבאלאנגט צרות פונעם יחיד, און כל-שכן לגבי צרות פונעם כלל, און די הייליגע חז"ל זאגן שוין אז דער אויבערשטער גלוסט צו די תפילה פון צדיקים און דערפאר זענען די הייליגע אִמָּהוֹת געווען עֲקָרוֹת, און אויב א מענטש האט א שווערקייט אדער א צרה חלילה, דאס איז ווייל דער אויבערשטער וויל אז דער מענטש זאל מתפלל זיין צו אים, און אין דער צייט איז דא א חיוב מן התורה צו מתפלל זיין אז די צרה זאל בטל ווערן, און אזוי ווי דער אויבערשטער האט געהערט די תפילה פון הָגָר די דינסט פון אברהם, איז זיכער אז ער וועט הערן די תפילה פון זיינע קינדער וועלכע זענען מתפלל אינדערצייט פון זייער צרה.

(עפ"י טיב התורה – לך לך)

## טיב הפרשה

# א רוחניות'דיגע ירושה

## והנה בן ביתי יורש אותי

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר ווי אזוי הקב"ה האט געזאגט פאר אברהם אבינו ביי די ברית בין הבתרים אז ער וועט אים געבן אסאך זאכן.

אויף די שאלה פרעגט אים אברהם אבינו צוריק וואס וועסטו מיר געבן? איך האב דאך נישט קיין קינדער, דער איינציגסטער יורש וואס איך האב איז אליעזר עבד אברהם.

רש"י אויפ'ן ארט שמועסט אויס די שאלה פון מה תתן לי, אז "הן לא נתת לי זרע ומה תועלת בכל אשר תתן לי"?

ווען מען איז זיך מתבונן אין די הבטחה וואס הקב"ה זאגט פאר אברהם אבינו און אויף די תשובה וואס אברהם אבינו זאגט, פארשטייט מען נישט אזוי די תשובה פון אברהם אבינו.

דער רבוש"ע זאגט פאר אברהם אבינו אז ער גייט אים געבן א גרויסער שכר און אברהם אבינו זאגט אז ער האט נישט קיין יורשים. צי האט מען שוין אמאל געהערט אז איינער זאל אפזאגן א גרויסער שכר וועגן יורשים?

די שאלה ווערט נאך שווערער ווען מען זעט די קומענדיגע שטיקל וואו אברהם אבינו באקלאגט זיך אז ער האט נישט קיין יורש פארוועמען מוריש צו זיין די פארמעגן. פון זיינע ווערטער זעט אויס אז די גאנצע דאגה פון אברהם אבינו איז געווען אז ער האט נישט ווער עס זאל אים ירשנ'ען, און אז זיין גאנצע ירושה גייט אריבערגיין צו זיין קנעכט אליעזר.

>>> | המשך אין עמוד ב' |

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

עס איז ידוע אז די צער פון נישט האבן קיין אייגענע קינדער איז זייער גרויס, אבער לכאורה איז די צער נישט ווייל ער האט נישט פארוועמען צו ירשנ'ען זיין פארמעגן נאר ווייל ער וויל האבן דורות, און דא מאכט מען אזא עסק פון די ירושה.

נאר ווי מיר קענען זיך אליין פאַרשטעלן, ליגט דא א טיפערע דערהער אין די נושא. פון די ערשטע מצוות וואס ליגט אויף יעדן בריה אויף די וועלט איז די מצוה פון קיום העולם – אז ער זאל מרבה זיין די וועלט מיט פריה ורביה.

אבער אז מען קוקט אריין אין די מצוה, איז דא דערביי צוויי חלקים. אויסער די פריה ורביה אין די גשמיות'דיגע וועלט איז אויך דא א רוחניות'דיגע פריה ורביה, און דאס איז די ירושה וואס יעדער איד לאזט איבער אויף זיינע דורות, ווי דער פסוק באפעלט 'ולמדתם אותם את בניכם' אז מען זאל איבערגעבן פאר'ן קינד די דרכים וואס מען האט קונה געווען אין די וועלט, די חשיבות און די ווארעמקייט צו א מצוה, די פלאם פייער צו יעדער דבר שבקדושה.

נישט יעדער איד איז איינציג אין די נושא. עס איז דא אזעלכע וואס האבן א גרעסערע קאך צו א מצוה, צו תורה, עס איז דא וואס האבן ווייניגער, אבער אויף יעדן איינעם ליגט א פליכט איבערצוגעבן וואס ער קען פאר די ווייטערדיגע דורות.

די מטרה פון די בריאה אויף די וועלט איז דאך אז הקב"ה זאל האבן א דירה בתחתונים, און מיט דעם וואס מען געבט איבער פאר די קומענדיגע דורות די רגש דקדושה וואס יעדער איד האט ביי זיך אין הארץ, העלפט מען אז עס זאל קענען זיין א דירה בתחתונים.

עס איז אמת אז אלעס קען מען זיך דערלערנען פון די תוה"ק, אבער די ברען וואס מען האט צו א מצוה גייט אריבער דורך די מסורה וואס א טאטע געבט איבער פאר זיין קינד – ווי אזוי ער האט מקבל געווען זיין מסורה און אזוי ווייטער ביז אויבן, און ווי די תוה"ק אליין דרוקט זיך אויס [דברים לב. ז] שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך.

אז מען דערהערט דעם דערהער פארשטייט מען וואס עס האט געבאדערט פאר אברהם אבינו. עס האט אים ווי געטון אז אין דעם קומענדיגן דור וועט חלילה נישט זיין קיין דירה בתחתונים. אפילו אז מען קען זאגן אז אליעזר וועט אויך איבערגעבן די ברען און די ווארעמקייט פאר'ן קומענדיגן דור, וועט עס אבער נישט זיין אויף דעם זעלבן פארנעם, מיט די זעלבע מאס ווארעמקייט, ווי עס גייט אריבער פון א טאטע צו א קינד.

דערויף האט אים הקב"ה געטרייסט, זאגנדיג אז ער וועט אויך זוכה זיין צו א יורש.

דער געדאנק איז אבער אויך זייער נוגע צו אונז, ווייל דאס זיין אריינגעבאקן אין אונזערעביינער. א איד דארף צו וויסן אז א קינד איז א פליכט, און מען דארף זוכן ווי אזוי מען קען אים מחנך זיין און אריינבאקן אין אים תורה מיט קדושה, ווייל דאס איז אונזער פליכט, עס ליגט אויף אונז א חובה אנצוווארעמען די קינדער צו אידישקייט און צו ווארעמקייט, אז מיר זאלן צוברענגען אז עס זאל זיין פאר הקב"ה א דירה בתחתונים.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל עס דערלעבן און קענען אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות אויף די וועלט, און זיי פירן געזונטערהייט אונטער די חופה און מגדל זיין לתורה ולמעשים טובים.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# ניצול געווארן פון א שריפה

מיט א דערהויבנקייט און א שפאנונג האט זיך די משפחה געגרייט צו פארלאזן די שטאט ביתר קיין ירושלים עיה"ק יענעם ערב שבת.

מיר זענען געפארן צו א משפחה שמחה אויף וועלכע מיר האבן שוין אויסגעקוקט א לאנגער צייט. אזא רייזע איז נישט א גרינגע זאך. מען דארף אויסרישן די קינדער אז יעדער זאל זיין גרייט צו די צייט, איינפאקן יעדנ'ס חפצים, ער זאל האבן וואס ער דארף.

צו די באשטימטע צייט, נאך די מאסיווע הכנות האבן מיר זיך ארויסגעלאזט פון שטוב, גרייטנדיג אויף די רייזע.

די רייזע קיין ירושלים איז געווען מיט א לאקאלע באס און מיר זענען שוין אלע געשטאנען ביים באס סטאנציע גרייט ארויסצופארן אויף די רייזע ווען מיטאמאל האט איינעם פון די קינדער אנגעכאפט אן אינערליכער דראנג ארויפצולויפן אין שטוב און אפנעמען עפעס.

די עלטערן האבן אים פרובירט אפצורעדן זאגנדיג אז עס איז נישט כדאי צוריקצוגיין אין די לעצטע רגע – ווייל אפשר וועט דער באס אנקומען ביני לביני, אבער דאס קינד האט פארשפראכן אז ער וועט עס מאכן איינס-צוויי און גלייך צוריקזיין דא.

אנקומענדיג אין שטוב האט ער געשפירט א געדרוך פון פייער. קוקנדיג וואס דאס איז האט ער באמערקט אז מען האט בטעות פארגעסן אויסצולעשן די אויוון אין די וואש צימער, וואו מען צינדט אן א קליינע אויוון אז מען זאל זיך קענען דערווארעמען ווען מען וואשט זיך ארום.

איבריג צו זאגן ווען דאס בלייבט ברענען וואלט די גאנצע הויז ארויף אין פלאמען, די משפחה וואלט זיך אומגעקערט מוצאי שבת צו א הויפן אש.

יעצט האט שוין דער בחור פארשטאנען די דראנג וואס ער האט געהאט צוריקצוגיין אין שטוב, אז דורך דעם איז די שטוב געראטעוועט געווארן.

די מעשה האט מען זיך דערוואוסט נאך דעם וואס דער בחור האט פארשריבן די מעשה און דער דאטום, ער זאל קענען יאר-יערליך דאנקען דערויף הקב"ה.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.ד.ר.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סטולאס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

**לכבוד דער יומא דהלולא רבא פונעם הייליגן "חזון אי"ש" זצוק"ל וואס געפאלט אין די קומענדיגע טעג (ליל שישי י"ד חשון), לייגן מיר דא פאר אייך, חשוב'ע ליינער, אויסדערוועלטע 'טיב המעשיות', וואס מורינו ורבינו שליט"א האט דערציילט אין פארשידענע געלעגנהייטן איבערן הייליגן בעל ההילולא, זאל זיין געוואלדיגע זכות מגין זיין פאר אונז און פאר אלע אידן, אמן.**

->•<-

# מרן ה'חזון איש' זצוק"ל

## "יומא דהילולא"

אין זיינע עלטערע יארן, האט דער הייליגער **חזון איש זצוק"ל** געהאט א השתוקקות צו מקיים זיין די לעצטע מצוה פון די הייליגע תורה, מצוה תרי"ג, וואס דאס ערגענצט די 'קומת האדם' בשלימות, און דאס איז די מצוה פון **'כתיבת ספר תורה'**. – דעריבער האט ער געבעטן פון עטליכע גאר חשוב'ע סופרים, יראים ושלמים, אז זיי זאלן אים שיקן א 'דוגמא', פון זייער הייליגע ארבעט, כדי ער זאל קענען אויסוועלן פון צווישן זיי דער בעסטער און מהודר'דיגסטער סופר.

נאכן גרונטליך אריבערגיין אלע דוגמאות וואס מען האט אים איבערגעגעבן, האט ער אויסגעוועלט אינעם באוואוסטן סופר **מוהר"ר חיים אשר לעדערמאן זצ"ל פון ירושלים עיה"ק ת"ו**, און ארויפגעלייגט אויף אים דעם שווערן אויפגאבע פון שרייבן דעם ספר תורה בהידור רב.

איידער ער האט אנגעהויבן טון דעם הייליגן ארבעט, האט זיך דער הייליגער חזון איש אוועקגעזעצט מיט אים, און אים ערקלערט פארשידענע חומרות און דקדוקים מיט וועלכע ער האט געוואלט אז ער זאל מהדר זיין ביים שרייבן דעם ספר תורה, לויט ווי ער האט גע'פסק'נט להלכה אין זיין ספר. אויך האט דער הייליגער חזון איש אויסגענומען מיט אים אז דער ספר תורה זאל געשריבן ווערן דווקא מיטן כתב 'בית יוסף' און נישט מיטן 'כתב האר"י ז"ל', צוליב עטליכע סיבות וואס ער האט געהאט דערצו אין הלכה.

דער פלומעניק פונעם הייליגן חזון איש, הגאון **מוהר"ר חיים גריינימאן זצ"ל**, האט פארשטאנען פון זיין פעטער און רבי דער הייליגער חזון איש אין א שמועס וואס ער האט געהאט מיט אים, אז מיטן ענדיגן שרייבן דעם ספר תורה דערנענטערט ער זיך צום ערגענצן זיין תיקון אויף דער וועלט. דעריבער פלעג ער שטענדיג צורעדן ר' חיים אשר, אז ער זאל זיך פארזוימען מיטן שרייבן דעם ספר תורה וויפיל ער קען נאר, כדי עס זאל זיך פארציען פאר וויפיל יאר מעגליך...

און ווירקליך האט זיך דאס שרייבן דער ספר תורה פארצויגן פאר לאנגע יארן, און ווען עס איז ענדליך גרייט געווארן איז דער הייליגער חזון איש געווארן זייער פריילעך, און טראץ זיין עלטער און שוואכקייט האט ער זיך באטייליגט ביים גאנצן הכנסת ספר תורה מיטן גאנצן שטארקייט, כדרכו בקודש.

אבער ווען ער האט אנגעהויבן ליינען אין דעם ספר תורה, האט ער צו זיין ווייטאג באמערקט אין עטליכע ערטער ווי די אות **צ'** איז געשריבן מיטן כתב האר"י ז"ל (וואו די רעכטע זייט איז געשריבן פארקערט: **צ**), און נישט אזוי ווי ער האט זיך קלאר אויסגענומען מיט אים צו שרייבן מיטן כתב בית יוסף (מיט א גלייכן יו"ד: **צ**). דאס איז געווען וויבאלד ר' חיים אשר איז געווען צוגעוואוינט צו שרייבן שטענדיג מיטן כתב האר"י, און דעריבער האט ער אין עטליכע ערטער געשריבן לויט זיין געוואוינהייט.

יעדן מאל וואס דער חזון איש פלעגט געפינען אינמיטן קריאת התורה אן אות צ' וואס איז געווען געשריבן אזוי, האט ער מפסיק געווען אינמיטן ליינען, און האט געהייסן ארויסנעמען אן אנדער ספר תורה. אזוי האט ער געטון וויבאלד ער האט חושש געווען צו די שיטות הפוסקים וועלכע האלטן אז אן אות צ' וואס האט אין זיך די פארקערטע יו"ד איז פסול, זע ספר **חזון איש** (או"ח סימן ט שלהי ס"ק ו) וואס ער פסק'נט דארט.

איינמאל, אין א טאג פון קריאת התורה, איז אנגעקומען צו זיין בית המדרש, מורינו **הגאון הרב וואזנער זצ"ל**, און ווען מען האט אים מכבד געווען מיט אן עליה לתורה, איז אויסגעקומען ביי זיין עליה אז עס איז געווען אזא אות צ', און ווי זיין שטייגער האט דער הייליגער חזון איש באפוילן אז מען זאל אריינלייגן דעם ספר תורה אינעם ארון הקודש, און ארויסנעמען אן אנדער ספר תורה.

נ א כ ן   ד א ו ו ע נ ע ן

האט דער הייליגער חזון איש מעיין געווען אינעם ענין מיט הרב וואזנער, און הרב וואזנער האט דערמאנט פארן הילגן איש אז עס איז דא א תשובה איבער דעם ענין אין **שו"ת חתם סופר** (חלק יורה דעה שלהי סימן רס"ו), וואו עס שטייט קלאר, אז כאטש ער האט מקבל געווען פון זיין רבי די צורה פון אלע אותיות לויט ווי דער הייליגער בית יוסף האט גע'פסק'נט, פונדעסטוועגן דעם אות צ' האט ער זיך געפירט צו שרייבן פארקערט, אזוי ווי ער האט מקבל געווען פון זיין הייליגן רבי'ן זצוק"ל לויט די קבלה פון דער הייליגער אר"י ז"ל, זע דארט.

גלייך האט דער הייליגער חזון איש געבעטן, אז מען זאל אים ווייזן די תשובה פונעם הייליגן חתם סופר אינעווייניג, און הרב וואזנער האט אים געברענגט דעם ספר און עס אים געוויזן אינעווייניג. זעענדיג די הייליגע ווערטער פונעם חתם סופר, האט דער הייליגער חזון איש שטארק הנאה געהאט, און פון דעמאלטס האט ער מער נישט מקפיד געווען דערויף, און אפילו אויב מען האט געטראפן אינעם ספר תורה א פארקערטע צ' האט מען נישט געטוישט דעם ספר תורה. [זע דארט אין ספר חזון איש, וואו ער ווייזט אויף לכאורה פארקערט פון אן אנדער תשובה אין חתם סופר (אהע"ז ח"ב סי' ח), און דערפאר האט ער זיך געפריידט מיט אט די 'מציאה', פונעם תשובה אין חלק יורה דעה].

אט דער מעשה איז שוין מרומז אין ספר **שו"ת שבט הלוי** (ח"י סי' ז), ווי פאלגנד: "וְהָיָה לִי עִנְיָן בָּזֶה עִם מָרָן הַחֲזוֹן אִישׁ זי"ע, כַּאֲשֶׁר נָשָׂא וְנָתַן אִתִּי בַּעַל פֶּה, וְכַאֲשֶׁר עָלָה בְּדַעְתּוֹ לִפְסֹל בָּזֶה, אָמַרְתִּי לוֹ מִדִּבְרֵי הַחֲתַם סוֹפֵר זי"ע, וְאָמַר שֶׁלֹּא יָדַע מִזֶּה, וּבִקְשַׁנִי שֶׁאַרְאֶה לוֹ בִּפְנִים וְהֶרְאֵתִי לוֹ", עכ"ל. זע אויך ווי עס ווערט ערקלערט זייער שיין ארום דעם ענין, אינעם וואונדערליכן ספר **פסקי תשובות** חלק א' (סי' לו הערה 7).

אויך איז פאסיג צו צוגעבן, אז א חשוב'ער גאון **(הגרא"ל פרידמן זצ"ל)** האט זיך אסאך געשריבן מיטן הייליגן חזון איש איבער דעם ענין, אויסטוישנדיג בריוון מיט אים איבערן אות צ' און וויאזוי עס צו שרייבן. דער וויכוח האט זיך לאנג פארצויגן, ביז ער האט ארויסגעגעבן דערפון א גאנצן ספר, מיטן נאמען **"צדקת הצדיק"**, וואו ער ברענגט דעם גאנצן 'משא ומתן' וואס ער האט געהאט דערוועגן מיטן הייליגן חזון איש.

->•<-

די רעבעצן פון א גרויסער גאון און צדיק וועלכער איז געווען פון די גדולי **רבני ירושלים זצוק"ל**,

| המשך אין עמוד ד' |>

איז קראנק געווארן ל"ע מיט א לונגען ענצינדונג. לויט די שווערע באדינגונגען פון יענע צייטן, ווען די פייכטקייט איז געווען א געוועגליכע זאך אין די אלטע וואוינונגען פון ירושלים עיר הקודש... און אָן קיין געהעריגע הייצונג אין די קאלטע טעג זענען אסאך מענטשן אנגעשטעקט געווארן מיט די קרענק. פון די אנדערע זייט, איז קיין געהעריגע היילונג דערצו נישט געווען, וויבאלד די 'פעניצילין' מעדעצין איז נאכנישט ערפינדן געווארן ווען זי איז קראנק געווארן דערמיט.

איר צושטאנד האט זיך רח"ל פארערגערט פון טאג צו טאג, און די דאקטוירים וועלכע האבן איר געטריי באהאנדלט האבן שוין געהאלטן ביים אויפגעבן, באשטימענדיג קלאר אז עס איר נישט געבליבן מער ווי דריי טעג צו לעבן, רחמנא ליצלן. דער מצב איז געווען זייער געפערליך, וויבאלד זי האט נאך געהאט קליינע קינדער אינדערהיים, און זי האט געפירט דעם גאנצן שטוב, ווייל איר גרויסער מאן איז געזעצן און געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, נעכט און טעג.

אין אט דעם שווערן און שרעקליכן מצב זענען אויפגעשטאנען עטליכע פון זיינע תלמידים און מקורבים, און זענען געפארן קיין בני ברק, צו בעטן דעם הייליגן חזון איש זצוק"ל, אז ער זאל מתפלל זיין פאר איר, אזוי ווי חכמינו ז"ל לערנען אונז (בבא בתרא קטז.): "כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ חוֹלֶה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, יֵלֵךְ אֵצֶל חָכָם וִיבַקֵּשׁ עָלָיו רַחֲמִים", עיין שם.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום ביתו נאוה קודש פונעם הייליגן חזון איש, האבן זיי געזען ווי ער זיצט מיט זיינע פילע ספרים און ער לערנט מיט א געוואלדיגע מנוחת הנפש און א געהויבענע זיסקייט. זיי זענען גלייך צוגעגאנגען צו אים און זיך געבעטן פאר די רעבעצן פון זייער גרויסן רבי'ן, דערמאנענדיג דאס וואס די דאקטוירים האבן קלאר באשטימט אז עס איר חלילה נישט געבליבן מער ווי דריי טעג צו לעבן, רחמנא ליצלן!

דער הייליגער חזון איש איז בכלל נישט דערשראקן געווארן, נאר איז געבליבן מיט זעלבן רואיגקייט, און מיט א לייכטן שמייכל, האט ער זיי געפרעגט מיט פארוואונדערונג: וואס איז דער גאנצער טומל? דער אויבערשטער האט דאך באשאפן א האלב פון די וועלט אין דריי טעג! איז דען שווער פאר אים צו שאפן א היילונג פאר איר קרענק אין דריי טעג???

אוןווירקליך, צדיק גוזר והקב"ה מקיים! פונקט אין יענע דריי טעג וואס די דאקטוירים האבן באשטימט פאר איר צו לעבן, און וואס דער הייליגער חזון איש האט באשטימט, להבדיל, פאר איר היילונג, איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל מיט א דירעקטן דעליווערי פון אמעריקע, די נייע און ספעציעלע מעדעצין וואס איז דעמאלטס ערפינדן געווארן ספעציעל פאר א לונגען ענצינדונג, און דאס איז די באוואוסטע **פענעצילין**.

ווי נאר מען האט באקומען דעם מעדעצין אין שפיטאל, האט מען איר איינגעשפריצט דעם מעדעצין, און ממש אין די לעצטע מינוט איז איר לעבן געראטעוועט געווארן! מיטן הילף פונעם **רופא כל בשר** איז זי געזונט געווארן כאחד האדם, אויפשטייענדיג פון בעט געזונט און שטארק, אזוי ווי דער הייליגער צדיק האט צוגעזאגט!

◆ ◆ ◆

**נאך די מעשה, האט זי געלעבט נאך פערציג יאר!**




◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173